מעשה פֿון

שדים

דאָס איז אַן אמת'ע מעשה וואָס עס האָט
זיך פּאַסירט אַפֿגרבאַ'ינענעם פרומען יוד
ווען ער איז געגאַנגען אין פֿעלד און האָט
געהאַט אַ וכוח מיט מקטרגים ער האָט
מיט קדושה זיי מנצח געווען. בזכות
זה ובא לציון גואל.

דרוק פֿון „דרוקאַרניאַ לוואָווסקאַ" לעמבערג
בשנת תרע"ג לפ"ק

MAASE

Druck »Drukarnia Lwowska« Lemberg
Verlag von J. M. Nik Lemberg 1913.

351

ר' יוסף איז געװען אַ יוד אַ תּמים. נישט געהאַנדעלט, נישט געװאַנדערעלט, נור געזעסען אין בית־המדרש יום־ולילה און געלערענט. נישט קײן איבעריג שאַרפען מח, נישט קײן אױפטהון, נישט קײן פּשט'לעך, נור דערפאַר נישט אַרױסגעלאָזט די גמרא פון האַנד, װי, להבדיל, אַ האַק, מיט װעלכער מען דאַרף ברױט פערדינען. און פאַרװאָס־װשע דוקא גמרא, אױב מען האָט נישט קײן שאַרפען מח? אין דעם האָט שױן ר' יוסף געהאַט זײן טעם. ערשטענס, איז ער געװען אַן־אַלטער „קאָצקער“, צװײטענס — אַ מיוחס'דיגער פון אַ שעהנער משפחה און דריטענס, איז ער געװען אַ יוד װאָס האָט גלאַט ליעב געהאַט צו לאָזען אַמאָל ליעגען דאָס רױטע טיכעל אױף דער אָפענער גמרא און אַלײן, מיט דער לולקע אין מױל, צוהאַלטענדיג זי מיט אײן האַנד און די צװײטע פערשטעקט אין גאַרטעל, צו שפּאַצירען זיך איבער'ן בית־המדרש אױף און אָב, מעשה אַלט פאַרצײטיגער שטײגער. און װײל די אַלע געגנג פאַסען זיך נישט מיט „חיי אדם“ לערנען, אָדער מיט אַנ'אַנדער קלײן ספר'ל, דאַדורך האָט ער זיך אױסגעקליבען גמרא.

קײן רײכער איז ר' יוסף נישט געװען. ער האט

נישט געהאַט קיין געוועלב, פֿון קיין פּראָצענט האָט
ער אודאי נישט געלעבט, נור פֿאַר דאָס האָט דאָס ווייב
פֿערדינענט, און וואָס זי פֿלעגט ברענגען אין שטוב אַריין
פֿון דעם האָט מען געלעבט. זי האָט חלילה צום רבונו
של עולם קיין טענות נישט פֿאַר וואָס ער האָט איהר
ניט געגעבען אַ מאַן אַ פֿערדינער. זי ווייסט, ווער
איהר מאַן איז; אַז אודאי איז פֿאַר אַזאַ יוד נישט געמאַכט
געוואָרען, ער זאָל זיך חלילה אַנידער שטעלען אין אַ
מאַרק טאָג בײַ דעם טישעל איהרען און רופען די
גוי'עם קויפען פּאַטשײַלעכלעך, טהוט זי דאָס, און
איז זכות פֿון זײַן תורה לערנען גיבט איהר גאָט כח
אַז זי זאָל קענען שפּײַזען איהם און דאָס הויז. ר' יוסף
אַלײַן האָט גאָר קאָן שום שײַכות צום חײַבּס ווערטעל.
איהר ווערטעל, צום בײַשפּיעל, איז שכנים און שכנות
בעקאַנטע להבדיל גוים און גוי'עם — דעם זאָגט זי אַ
„גוט מאָרגען" יענעם אַ „גוט יאָהר", און פֿאַר יעדען
האָט זי שוין אַנ'אָנגעגרײַט אַ גוטמוטיג שמײַכעלע און
דאָס נויטיגע וואָרט, פּונקט אַזוינס, וואָס יענעם איז
שײַך. טרעפט זי זיך, צום בײַשפּיעל, מיט ישראל טאַנ-
דײַטער, וואָס זי דינגט זיך צו איהם אויף פֿאַר אַ גילדען
אויף אַ יריד מיט איהר פּעקעל סחורה, דערצעהלט זי

איהם, אַז גאָט זאָל שענקען דאָס געזונד, וועט פון היינט איבער צוויי וואָכען מאָנטאָג זיין אין „בערזע" אַנ'אַלטער יאָהר־יריד... מילא, מן הסתם ווייסט ער דאָך אַליין, ר' ישראל — שמייכעלט זי גוטמוטיג צו — און דערביי איז זי איהם מבטיח, אַז גאָט וועט העלפען, קען מען שוין געלד לייזען... און, אַז, כ'לעבען, ער וואָלט זיך געמעגט פערגניגען פאַר זיין שיינדלען וועגען צו קויפען אַ ביסעל פערעל... בעגעגענט זי וויעדער פאַה־לען, מיט וועלכענס פערד און וועגעלע זי און ר' ישראל פאָהרען — האָט זי איהם אויך וואָס צו זאָגען, צום ביי־שפּיעל: אַז אַזאַ פערד, ווי עס איז „פּאַוועלס" איז נישט צו געפינען אין דער גאַנצער וועלט, אַ שמאָטשק נור מיט די ליפּען — און געניג... און אַז ער פּאַוועל אַליין, איז אַ דימענטענער און, אַז אַזאַ יאָהר אויף איהר וואָס פאַר אַנ'הערליכער... אַז פון זיין פוהר אַראָב האָט איהר נאָך קיינמאָל נישט געפעהלט, האָט אַ האָר איז ווערט. פּאַוועל שמייכעלט דורך זיינע פולע ליפּען און בלאָנדע וואָנסעלעך און די יודענע איז צופריעדען, וואָס דעם „עשו" טהוט עס אַ הנאה. מילא מען דאַרף דאָס אויך צו פרנסה... — טראַכט זי צו זיך שטיל.

באַגעגענען וויעדער, ר' יוסף — איהם געהט שוין

אין צווייטען יונג'ס קאָפּ אַריין, פערפלידט אַ נאַסע שמאַ־ און נישט איין מאָל, בשעת איין יונג ציעלט זיך שלעגט גאָר נישט אָן: יאָ פרנסה, נישט פרנסה. און מען דערקענט באַלד אָן איהם, אַז ער איז אַ יוד וואָס איז אויסגעטהון פון דער וועלט. ניט קיין ישראל טאַנדייטשער, נישט צו קיין פאַוולען און נישט צו דעם טישעל מיט פאַטשיילעכלעך מישט ער זיך. האָט ער צייט, ווען ער רוהט, זיך אָב פון דער גמרא, איז ביים בית־המדרש מיש שטעהענדיג, שרויפט ער זיך פונאַנדער די לולקע, שטאָפּט זי אוים מיט אַ שטרויעלע, אָדער שוין אַן עקסטרע שפּיזעל, שרויפט זי צוריק צונויף, שטופּט מיט'ן גראָבען פינגער טיטון־בלעטער פון זיין עקסטרע שפּעסען־בלעזעלנעם ביימעל. וואָס פערציהט זיך אין דער הויך מיט אַ שנירעל, און בשעת־מעשה באָמבעקט ער זיך אונטער אַ נגונ'דל. זיצען זיצט ער קיינמאָל נישט אויבען אָן אין בית־המדרש. דערצו האָט ער זיך אויך זיין טעם, ווייל כאָטש עס איז ביי איהם גאַנץ טייער דער כבוד התורה, איז ער אָבער אַ גרויסער עני, און לערנט ביי דעם טיש, וואָס שטעהט נאָהענט צו דער הרובע, כאָטש דאָרט איז אַ געדרודער טאָג מיט נאַכט פון די יתגען, וואָס שלאָגען זיך אַרום אינטערן אויוען.

טע צו איהם אויף'ן טיש אַרויף... נור אַבי=נור אויפֿי־
פיש, און עס בעשפּריצט חלילה נישט די גמרא... און
זיין כבוד איז ער שטענדיג מוחל, און איבער אַזאַ קליי־
ניגקייט וועט ער חלילה ניט גיהן פֿערפֿיינטען זיין שטענ־
דיג אָרט. ווייל, וואָס איז די נפקה מינה: אומעטום,
וואו גאָט'ס הויז, און אַלע ווינקעלעך, און וואו נור יו־
דען זענען פֿאַראַן — רוהט גאָט'ס שכינה. און האָט ער
אַמאָל מיט וועמען צו שמועסען אַ דברי חול, איז איהם
אויך נישט קיין נפקה מינא מיט וועמען עס איז; נעמט
ער אַ יוד, דער עיקר אַן ערנסטען און אַ שטילען, סיי
ווי סיי דאַרף ער מיט איהם נישט דורכשמועסען אַ
מהרש"א אָדער עפּעס פֿון רמב"ם, און דערצעהלט איהם
אַ מעשה פֿון דעם אַלטען קאָצקער זכרונו לברכה אָדער
פֿון רבין ר' בער.

— דער רבי ר' בער — הויבט ער אָן — מילא ער
איז דאָך נישט שייך צו זאָגען, ווער איז געוועזען מעהר
איש אלהים, ער צי דער קאָצקער ז"ל נור דערצעהלע־
דערצעהלט מען וועגען איהם אַזאַ מעשה: ער איז
איינמאָל אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָדט שפּאַציע־
רען... כ'וועל נישט זאָגען, אַז גלאַט אַזוי... מן הסתּם
אַז אַזאַ יוד געהט שוין שפּאַצירען ז... און ווי געוועהנ

זײַ מיט איהם מיטגעגאַנגען דער משמש אויך. דער רבי בער האָט דאָס מאָל געהאַט צו זאַגן אַלײן, מילא מן הסתם האָט דאָך דער משמש געוואוסט, איז עס דאָך שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, האָט ער זיך אַנידערגע־שטעלט הינטער אַ בוים אַנגעשפּאַרט אין דעם רבין געלאָזט אַזוי אַלײן געהן װײַטער, װײַטער אין פעלד אַרײַן, ביז ער איז איהם פערהוילען געוואָרען פון אויג. און װײַסט ניט צי זײַ דאָרט געזעהן אַ שטיקעל וועל־על אויך, צי איז עס געשעהן אין הוילען פעלד. ור דער משמש קוקט זיך אום, קומט דער רבי פלוצלינג צוריק אַ בלאַסער און בגלוי־ראש, און דאָס פנים און די אויגען שיטען פונקען, נור די ליפּען — פערשלאָ־סען. און ניט אויספּרעדענדיג קײַן אײן וואָרט, גיט ער דער צום משמש אַ מאַך מיט דער האַנד: קום!... און דער רבי לויפט פאָראויס צוריק אין שטאָדט אַרײַן.

בײַ די ערשטע הײַזלעך שרײַט דער משמש רבי בגלוי־ראש אין שטאָדט אַרײַן:

— קום!...

און דער רבי איז באַלד אַרײַן צו זיך אין חדר מיוחד.

אין אַ פערטעל שעה אַרום, אַז עס מאַכט זיך אַ שטורם און הױסען, עס רײַסט די לאַדענס און דעם דאַך,

אין א געפּיפּסעריי אין קומען, פונקט ווי רחמנא ליצלן גאנצע כתות חילות וואלטען געקומען אנצופליעהען אין דער לופטען; אַט, אַט, נאך איין רגע נאך איין ציטער און דאס גאנצע הויז קערט זיך חלילה שוין איבער....

פלוצלינג, דער משמש גיבט א קוק, דאס היטעל העננגט אין דרויסען אויפ'ן פראנט פון לאדען, גלייך אין דער שויב אריין...

פאלט ער צו, דער משמש, צו דעם רבינ'ס טהיר:

— רבי, דאס היטעל איז שוין דא...

נור מען ענטפערט נישט. און דער שטורח אין דרויסען ווערד נאך גרעסער, און א דונערען און בליי־צען, אז עס איז שוין חלילה געקומען אנ'עק צום גאנצען יקום...

אין דעם גיבט א געה פארביי האסטיג א דונער. און דאס קויקלען פון איהם אין דער לופט איז אזוי אז מען שפירט בחוש, ווי ער דרג'עט אויס עשרות רבבות... און עס קומען מיט א געאיילעניש און פחדימ־דיגער שרעק אריינצולויפען דריי דייטשלעך, וואס פאל־לען גלייך אריין צום רבי'ן אין דער טהיר.

— רבי, אז גאט איז פריהער נישט געגאנגען רו־

האָט אויך זיין שטאָל פּרייטאָג פּאַרנאַכט, ביז האַנטן — האָט אונז נישט בעשאַפען — ווילט איהר, חלילה, מיט איין מאָל אונז אַלע אומברענגען?...

מען האָט געזעהען בעשיינפּערליך, ווי באַלד נאָך די דאָזיגע ווערטער איז געשטילט געוואָרען די מהומה אין דרויסען, די דייטשלעך זענען פערשוואונדען, און אַלץ איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטילקייט, גלייך עס וואָלט גאָר נישט געשעהען...

אין אַ פיערטעל שעה אַרום האָט די זון שוין צו־ריק אויפגעשיינט, דער רבי האָט זיך שוין צוריק געהאַט אַריינגעזעצט אין זיין שטוהל און צום משמש האָט ער נאָך געשמייכעלט:

— דערצעהל פאַר קיינעם נישט...

„אָט אַזוינס האָט געקענט דער רבי ר' בער"... — ענדיגט ר' יוסף זיין געשפּרעך און בשעת מעשה דער־זעהט ער ערשט, אַז די לולקע רויכערט זיך שוין אַזש ביז אין האַלץ אַריין, קנאַקט און איז אנגעגליהט, צעשפּרייטענדיג אַ משונה'דיגען וואַרעמען ריח איבער ר' יוסף'ס פּנים.

נור אַז ער קלאַפּט אויס די לולקע איז ער זיך מיעדער צוריק דער איינגענער פּשוט'ער יוד, לאָגט

ער זי אַרײַן הינטען אין דער קאַפּאָטע־קעשענע און זיצט זיך שוין צוריק אויף זײַן אָרט, אויף דער זעלבער באַנק נעבען זײַן טיש, און זאָגט זיך װײַטער די װערטער פון דער אָפּגענערג גמרא אַרױס, מיט דעם זעלבען קול, מיט דער זעלבער פּשוט׳ער נגינה זײַנע.

אין דעמאָלט קוקט ער אויף גאָטס װעלט מיט אַזאַ ליכטיגקײַט אין די אויגען: — װי אַלץ איז אַזױ גוט...

טײלמאָל נור איז ער אַביסעל מתרעם אויפ׳ן װײַב בשעת איהם פערפעהלט אויף אַ פּעקעל טיטון־בלע־טער אין דער לולקע אַרײַן, אָדער אַז זי חעקט איהם עטליכע שעה פאַר טאָג, װען זי פאָהרט אויף אַ יריד, אַז ער זאָל נאָך איהר אַרױסגעהן פון שטוב, אַראָב־קריכען פון בעט צוקײַטלען די טהיר... זי װאַרפט איהם חלילה נישט פאָר דעמולט, אַז ער איז אַ בטלן, און אַז לאָזענדיג איהם אַלײן אין שטוב איז אַ קלאָג צו איהר צרות... קען מען זי נאָך חלילה דאָס װײַסעל פון אויג אַרױס׳גנבענען. נור פונדעסטװעגען איז ער אונ־צופּריעדען. צו װאָס טויג איהם דער גאַנצער עולם; ער װײסט, אַז גאָט װאָלט איה נישט פאַרלאָזט אַזױ אויך. נור איהר דערצעהלען, אַ יודענע... עס דאַכט זיך

איהר, אז מיט איהר איינרייסען די וועלט ווערד אין הימעל נגזר מעהר וויפיעל מען האט פאר איהר אויס-געזעצט...

פאר דאס, דעם טאג, וואס זי איז נישט היע, קען זיך ר' יוסף פיהלען אינגאנצען פריי, פריי פון הויז, פון ווייב, פון עסען אפילו... און זיצענדיג אין בית המדרש גיבט ער זיך אינגאנצען איבער זיינע רעיונות.

און איינמאל האט טאקע געטראפען, ווען דאס ווייב איז אין דער פריה אוועקגעפאהרען אויף א יריד, און ביי נאכט איז מען געקומען צו איהם אין בית המדרש אריין אנזאגען א בשורה:

האט ער מיט דער האנד אוועקגעמאכט, נישט געגלויבט, אז עס איז זיין ווייב, און נישט געהאלט ארויסלאזען דאס אנשטאפען די לולקע טיטון פון האנד ארויס.

דערנאך, ווען ער איז געקומען אהיים און געזעהען, אז זי ליגט שוין פארהאנגען הינטער שיר-המעלות-
[illegible]
[illegible]
[illegible]
זי האט איהם גאר נישט אויסגעזאגט.. .

אין געריכט.

לאָנדאָן האָט אַ גרויסע סענזאַציע. פאַר'ן דאָרטיגען געריכט פיהרט זיך אַ פערהאַנדלונג געגען 5 פערזאָנען וועלכע זענען פערדעכטיג אין דער גנבה פון אַ פערל־האַלסבאַנד אין ווערט פון דריי מיליאָן פראַנק. די גאַנצע מעשה איז איינגעוויקעלט אין אַ דונקעל שלייער פון געהיימניסע. ווי בעקאַנט איז דאָס פערל־האַלסבאַנד אַרויסגעגנב'עט געוואָרען אין וועג פון פאַריז קיין לאָנדאָן. די גנבים האָבען אויס דעם פאַקעטעל אַרויסגענומען די טייערע פערל און אויף זייער אָרט אַריינגעלעגט ווערפעל צוקער. דער יובילער טענה'ט אַז די פערל האָט ער פערפאַקט אין פאַקעט און ברענגט דערויף עדות. ס'איז דאַרום אינערקלערליך ווי אַזוי די גנבים האָבען געקאָנט בעקומען אָט דעם טייערען האַלסבאַנד.

געקומען איז מען אויף זייער שפור דורך פאָלגענדען אופן: די ללאָיד געזעלשאַפט ביי וועלכער דאָס טייערע האַלסבאַנד איז געוועזען פערזיכערט, האָט נאָך דער גנבה אַרויסגעשיקט אַן „שטעק־בריעף" וועלכער האָט גענוי בעשריבען דאָס אַוועקגעגנב'עטע האַלסבאַנד און בעשטימט אַ פרייז פון 250.000 פראַנק, פאַר דעמיעניגען

צוריקגעקומען קיין פאריז האט ער זיך צו גוטהירס'ן געוועזענעם מיט אן אנפראגע צי ער קאן נאך איצט קויפען דאס האלסבאנד, ווייל ער האט גראד א בעלן אויף איהם. דארויף האט ער תיכף בעקומען א טעלעגראפישע תשובה, מיט וועלכער ער ווערד איינגעלאדען צו קומען קיין לאנדאן צוזאמען מיט דעם קויפער און דארט וועלען זיי דעם מסחר מאכען.

בראנדשטעטער איז צוזאמען מיט זיין קוזין מאיר כאהן-קוואדראטשטיין אוועק קיין לאנדאן. דארט האט זיי גוטהירט בעקאנט געמאכט מיט דעם פערלען-הענדלער ווילבערמאן און נאך לאנגע טענות און טארגעס האבען זיי זיך געאייניגט דארויף, אז דאס פערל-האלסבאנד דארף געקויפט ווערען פאר איין מיליאן פראנק. בראנדשטעטער און קוואדראטשטיין האבען נור נאך בעדארפט פערזענליך אבקוקען און אונטערזוכען די עכטהייט פון די פערעל.

וויעדערהאלט האט מען זיך צו דעם צוועק בעשטעלט באלד אין דעם, באלד אין יענעם קאפעהויז. דאס פערל-האלסבאנד האט מען די קויפער דאך נישט געוויעזען, ווייל מען האט פערדעכטיגט בראנדשטעטערן און קוואדראטשטיינען, אז זיי זענען פאליציי-

וואָס וועט אַנרייצן אויף זי שפּורן פון דעם גנב.

אַ צײַט האָט זיך קיינער אויף דער אַנאָנסע נישט אָנגערופן. אין חודש אויגוסט האָט דער פּערלען־הענדלער שמואל בראַנדשטעטער (אַ גאַליציאַנער) פון פּאַריז, זיך צופעליק באַגעגנט אין אַמסטערדאַם מיט זײַן פרײַנד אַ קרוב ליזר גוטמזירם, אַ געבוירטיגן קראַקויער, וועלכער וווינט בכבוד אין לאָנדאָן אַלס פּערל־הענדלער. בעת דעם געשפּרעך האָט גוטמזירט אַ פרעג געטאָן צי ווייסט ער נישט עפּעס פון אַ קויפער פאַר אַ גרעסערן פּערל־חפץ.

פאַר וואָס נישט. איך האָב אַ קונה וואָס קאָן זײַן אַ בעלן צו געבן אַפילו 400 טויזנט פראַנק פאַר אַ שיינעם האַלסבאַנד.

דאַמיט האָבן בראַנדשטעטער און גוטמזירט אַ סוף געמאַכט צום געשפּרעך. אַהיימקומענדיק האָט בראַנדשטעטער געגעבן אַ קלעדר נאָך פון וואַנעט אײַגענטליך ס'קאָן צו גוטמזירטן קומען אַזאַ טײַערע חפץ און צי איז עס אפשר נישט דאָס טײַערע האַלסבאַנד, וועלכעס איז פאַרשווונדן צווישן לאָנדאָן און פּאַריז.

בראַנדשטעטער האָט זיך מיעך געזעגנט מיטן ווײַב און באַשלאָסן דער זאַך נאָכצוגעהן. זי טוט ער אַז

נאָך פֿערלויף פֿון עטליכע טעג האָט מען זיי קוים געוויזען עטליכע פּערעל און דאָס אויף פֿאָלגענדען אופֿן. אין אַ לאָנדאָנער ביער־האַלע זענען ערשינען: זילבערמאַן, גוטהירדט און גרוזאַרד. בשעת שמועס האָט זיך נעבען זיי אַנידערגעזעצט עפּעס אַ פֿרעמדער. גרי־זאַרד האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַרע און ווילענדיג זיך פֿעררויכערן האָט ער זיך געווענדעט צום פֿרעמדען אום אַ צינדהעלצעל. דער פֿרעמדער האָט העפֿליך אַרויס־געצויגען אַ שאַכטעלע און אַנשטאַט צינדערלעך האָ־בען זיך בעוויזען הערליכע פּערעל. דער פֿרעמדער איז געוועזען דער שותּף פֿון דעם געהיימניספֿולען עסק

ענדליך איז דאָס עסק אָבגעשלאָסען געוואָרען פֿער־פֿעקט. בראַנדשטעטער האָט פֿאַר דעם האַלסבאַנד בע־דאַרפֿט בעצאַהלען פֿול במזומנים איין מיליאָן פֿראַנק אין פֿראַנצויזישע נאָטען.

ב

די קויפֿער האָבען פֿון דער מעשה פֿערשטענדיגט דעם ללאָיד, וועלכער האָט תּיכּף אַרויסגעשיקט אידרם אַ פֿערטרויענסמאַן דעם יובּילער שפּאַניער פֿון פּאַריז, וועלכער האָט בעדאַרפֿט פֿאַר דעם האַלסבאַנד מכּלו־מרשט בעצאַהלען און דאַן מיט הילף פֿון לאָנדאָנער דעטעקטיווען די באַנדע אַרעסטירען.